בעזרת השם יתברך

# סִיפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת
## גליון פאר'ן שבת טיש



פרשת אמור
יג אייר
שנת תשפ"ב לפ"ק
שנה 3, גליון 27
(79)

ארויסגעגעבן דורך מוסדות היכל הקודש ברסלב

שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת אַחֲרֵי, מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אִיָּר, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. אִינְדֶערְפְרִי נָאכְ'ן דַאוֶוענֶען בַּיים 'קִידּוּשָׁא רַבָּא' הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען דֶעם שִׁיעוּר אִין סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ 'סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת', אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, מַעֲשֶׂה יב, מִבַּעַל תְּפִלָּה.

דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר הֵייבְּן הַיינְט אָן אַ נַייעֶ מַעֲשֶׂה, וָואס אִיז דִי לֶענְגְסְטֶע מַעֲשֶׂה פוּן סֵפֶר סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת. עֶס אִיז אַ מוֹרָא'דִיגֶע מַעֲשֶׂה, פוּל מִיט חִיזוּק אוּן עֵצוֹת פַאר'ן לֶעבְּן.

הֵייבְּט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָן דֶערְצֵיילְן:

מַעֲשֶׂה אַמָאל אִיז גִיוֶוען אֵיין בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר הָאט תָּמִיד נָאר עוֹסֵק גִיוֶוען אִין תְּפִילוֹת אוּן שִׁירוֹת אוּן תּוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר אִיז גִיזֶעסִין חוּץ לְיִשּׁוּב.

### חוּץ לְיִשּׁוּב

צוּ זַיין 'חוּץ לְיִשּׁוּב' מוּז מֶען נִישְׁט וואוֹינֶען אוֹיסֶער דִי שְׁטָאט, מֶען קֶען וואוֹינֶען אִין שְׁטָאט צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן - אוּן זַיין חוּץ לְיִשּׁוּב. וַוייל סְתָּם מֶענְטְשְׁן זֶענֶען נָאר פַארְנוּמֶען צוּ טְרַאכְטְן פוּן קִנְאָה, תַּאֲוָה, כָּבוֹד אוּן גֶעלְט, אָבֶער דֶער מֶענְטְשׁ וָואס אִיז עוֹסֵק אִין תְּפִילוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת, שְׁטֶענְדִיג רֶעדְט עֶר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז זַיין מֹחַ-מַחֲשָׁבָה אוֹיטָאמַאטִישׁ אִין אַ צְוֵוייטֶע פְּלַאץ, עֶר טְרַאכְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט

צַדִיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט: "**מֶען קֶען זִיצְן אַלֵיינְס אִין אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ - אוּן זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, אוּן מֶען קֶען זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן - אוּן מֶען אִיז אַלֵיינְס**"; וַוייל אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ אִינֶעם מֹחַ, אֲפִילוּ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זִיצְט אַלֵיינְס אִין אַ ווִיסְטֶענִישׁ, אוֹיבּ טְרַאכְט עֶר נָאכַאלְץ פוּן מֶענְטְשְׁן, '**וָואס זָאגְט מֶען אוֹיף מִיר?' אוּן 'וָואס הַאלְט מֶען אוֹיף מִיר?'** - אִיז עֶר צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן, ווִידֶער אוֹיבּ אִיז מֶען דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען אִיז עוֹסֵק אִין תְּפִילוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - קֶען מֶען זַיין צְווִישְׁן מֶענְטְשְׁן אָבֶער מֶען אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָארְט, דֶער מֹחַ אִיז בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.

### אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ

עֶס הָאט נִישְׁט צוּטוּן וואוּ מֶען אִיז, אוּן וָואס מֶען טוּט, מֶען קֶען זַיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ - אוּן מֶען אִיז אִינְדְרוֹיסְן פוּן בֵּית הַמֶּדְרָשׁ, אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען פוּן נַארִישְׁקֵייטְן רַחֲמָנָא לִצְלָן, ווִידֶער קֶען מֶען זַיין בַּיי דִי אַרְבֶּעט אוּן דָאס הַארְץ בְּרֶענְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען טְרַאכְט אַ גַאנְצְן צַייט '**וֶוען עֶנְדִיגְט מֶען שׁוֹין דִי אַרְבֶּעט, אוּן אִיךְ וֶועל שׁוֹין קֶענֶען גֵיין לֶערְנֶען', 'וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב'** - קוּמְט אוֹיס אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִיז אַ גַאנְצְן טָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

### עֶר הָאט אַזוֹי הַנָאָה אַז עֶס רֶעגְנְט

עֶס אִיז דָא בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים וָואס אַרְבֶּעטְן אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶער זֵייעֶר הַארְץ פְלַאקֶערְט אַ גַאנְצְן צַייט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוארְטֶענְדִיג קוֹים '**וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין קֶענֶען אָפְּלָאזְן דִי אַרְבֶּעט?**'; אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אִיז אַמָאל גֶעוֶוען בַּיי אַ יְרִיד מִיט אַ וָואגְן פוּל מִיט סְחוֹרָה, עֶר הָאט אָפְּגֶעלָאדֶענְט זַיינֶע סְחוֹרָה צוּ פַארְקוֹיפְן, פְּלוּצְלִינְג הָאט זִיךְ אַרָאפְּגֶעלָאזְט אַ רֶעגְן, הָאט עֶר שְׁנֶעל אַלֶעס אִיבֶּער גֶעדֶעקְט עֶס זָאל נִישְׁט נַאס וֶוערְן, אוּן אַזוֹי ווִי אִין אַזַא וֶועטֶער קוּמְט דָאךְ קֵיינֶער נִישְׁט קוֹיפְן, הָאט עֶר אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט אַ דֶעכְל הֶעכֶער זִיךְ אוּן זִיךְ גֶעזֶעצְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן. אִינְמִיטְן אִיז רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה דוּרְךְ גֶעפָארְן, הָאט עֶר גֶעזֶען ווִי דֶער אִיד זִיצְט דָארְט אוּן לֶערְנְט זַיינֶע שִׁיעוּרִים מִיט אַזַא חַיוּת אוּן גֶעשְׁמַאק, הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "**אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אוֹיף דֶעם אִידְ'ס פָּנִים ווִי עֶר הָאט אַזוֹי הַנָאָה אַז עֶס רֶעגְנְט, וַוייל אַזוֹי הָאט עֶר גֶעקֶענְט לֶערְנֶען זַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן אוּן נִישְׁט גֶעדַארְפְט אַרְבֶּעטְן**". יֶעצְט הָאט מֶען גֶעזֶען אַז זַיין גַאנְצֶע זִיצְן בַּיים יְרִיד אִיז נִישְׁט וַוייל עֶר ווִיל, עֶר אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְבֵּיי, עֶר אַרְבֶּעט נָאר וַוייל עֶר מוּז בְּרֶענְגֶען פַּרְנָסָה, אוּן אַז עֶר הָאט יֶעצְט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ לֶערְנֶען, אִיז עֶר זִיךְ מְחַיֶּ'.

אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען מִיטְ'ן בַּעַל תְּפִלָּה, זַיין גַאנְצֶע מֹחַ-מַחֲשָׁבָה אִיז גֶעוֶוען נָאר תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת.

אוּן זַיין סֵדֶר אִיז גִיוֶוען. עֶר פְלֶעגְט אַמָאל אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישּׁוּב אַרַיין. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַרַיין צוּגֵיין צוּ עֶפֶּעס אַ מֶענְשְׁן.

### עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה

דָאס אִיז גֶעוֶוען דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה, עֶס אִיז אִים נִישְׁט גֶענוּג גֶעוֶוען דָאס אַז עֶר וֵוייסְט אַז עֶר קֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר קֶען זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר עֶר הָאט עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין הֲפָצָה, צוּרִיק צוּ בְּרֶענְגֶען נָאךְ אִידִישֶׁע קִינְדֶער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַנְטְפְּלֶעקְן פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם אַז זֵיי

קֶענֶען אוֹיךְ רֶעדְן אוּן זִינְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מִן הַסְתָּם פְלֶעגְט עֶר אַרַיין גֵיין צוּ קְלֵיינֶע לַייט. דְהַיְינוּ אָרִימֶע לַייט אוּן נָאךְ אַזוֹי אֵיין גְלַייכִין.

## אָרֶעמֶעלַייט

פַארְוָואס פְלֶעגְט עֶר גֵיין צוּ אָרֶעמֶעלַייט? וַוייל אַן אָרֶעמַאן הָאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ, קֶען מֶען גְרִינְג בְּרֶענְגֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז אִין אַ צָרָה, עֶס גֵייט אִים נִישְׁט וִוי אַזוֹי עֶר ווִיל, רֶעדְט עֶר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר חַזֶר'ט זִיךְ דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה, ווִידֶער אַן עוֹשֶׁר אִיז 'עָשִׁיר יַעֲנֶה עַזּוֹת' (מִשְׁלֵי יח, כג), אַן עוֹשֶׁר שְׁפִּירְט נִישְׁט וִוי עֶר דַארְף צוּ קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ פְלֶעגְט זָאגְן: וֶוער נֶעמְט אַ תְּהִלִּים? וֶוער זָאגְט תְּהִלִּים? אַ לַמְדָן אָדֶער אַן עוֹשֶׁר - זָאגְט נִישְׁט קַיין תְּהִלִּים, תְּהִלִּים זָאגְט אֵיינֶער וָואס הָאט אַ צֶעבְּרָאכְן הַארְץ.

## מְקָרֵב זַיין חָשׁוּבְ'עָ מֶענְטְשְׁן

(דָאס אִיז אָבֶּער אִינְטֶערֶעסַאנְט, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ נִישְׁט גֶעוָואלְט מֶען זָאל מְקָרֵב זַיין נָאר שְׁלֶעפֶּערְס אוּן נֶעבֶּעכְדִיגֶע מֶענְטְשְׁן, וִוי רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תקמג) אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: דֶער עִיקָר זָאל מֶען זֶען מְקָרֵב צוּ זַיין חָשׁוּבְ'עֶ מֶענְטְשְׁן, וַוייל אַזוֹי וֶועלְן שׁוֹין דִי פָּשׁוּטְ'עֶ מֶענְטְשְׁן מִמֵּילָא מְקוֹרָב וֶוערְן, אוּן רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט: אִיךְ הָאבּ גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, וֶועם זָאל מֶען מְקָרֵב זַיין? הָאט דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט: צוּם בֵּיישְׁפִּיל, קִינְדֶער פוּן עֲשִׁירִים אָדֶער מֶענְטְשְׁן מְיֻחָסִים, וָואס זֵיי זֶענֶען נְשָׁמוֹת כּוֹלְלִים, אוּן אַז מֶען וֶועט זֵיי מְקָרֵב זַיין, וֶועלְן דִי אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן מִמֵּילָא מְקוֹרָב וֶוערְן).

אוּן עֶר פְלֶעגְט מִיט דֶעם מֶענְשְׁן אָנְהֵייבִּין צוּ שְׁמוּסִין פוּן דֶעם תַּכְלִית פוּן גָאר דֶער וֶועלְט. בַּאֲשֶׁר אַז צוּם אֶמֶת אִיז קֵיין שׁוּם תַּכְלִית נִיט פַארְהַאנְדִין אוֹיף דֶער וֶועלְט. נָאר מֶע זָאל גָאט דִינֶען וַוייל מֶע לֶעבְּט. אוּן מֶע זָאל זִיךְ פַארְבְּרֶענְגֶען דִי יָארִין נָאר מִיט תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן מִיט שִׁירוֹת וְתִשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְכוּ'. אוּן עֶר פְלֶעגְט אַסַאךְ צוּ שְׁמוּסְן מִיט דֶעם מֶענְשְׁן אַזוֹינֶע רֵייד וָואס עֶר זָאל יֶענֶעם דֶערְוֶועקִין. בִּיז זַיינֶע רֵייד זֶענֶען אַרַיין גִיגַאנְגֶען יֶענֶעם אִין דֶעם הַארְצִין אַרַיין. בִּיז דֶער מֶענְשׁ אִיז מְרוּצָה גִיוָוארְן אַז עֶר זָאל זִיךְ צוּם אִים בַּאהֶעפְטִין. אוּן תֵּיכֶף וִוי דֶער מֶענְשׁ אִיז מְרוּצָה גִיוָוארְן מִיט אִים. הָאט עֶר אִים תֵּיכֶף גִינוּמֶען אוּן הָאט אִים גִיפִירְט אוֹיף זַיין אָרְט וָואס עֶר הָאט גִיהַאט חוּץ לְיִשּׁוּב (דְהַיְינוּ אַרוֹיס פוּן דֶעם יִישּׁוּב. נִיט וִוי מֶענְשְׁן זִיצִין) וָואריִן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. הָאט זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן אֵיין אָרְט חוּץ לְיִישּׁוּב. אוּן דָארְט אִיז גִיוֶוען אַ טַייכִיל אוּן בֵּיימֶער, אוּן פֵּירוֹת אִיז דָארְט אוֹיךְ גִיוֶוען. אוּן זֵיי פְלֶעגִין עֶסִין פוּן דִי פֵּירוֹת. אוּן אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבִּין זֵיי גָאר נִיט גִיקוּקְט. וִוי מֶע גֵייט גֵייט מֶען.

## דִי קְלֵיידֶער רוּפְן צוּ דִין תּוֹרָה

אֵיינֶער הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט, וִוי אַזוֹי זָאגְט דֶער רֶבִּי: **"אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט, וִוי מֶען גֵייט גֵייט מֶען"**, מִיר וֵוייסְן דָאךְ אַז דֶער רֶבִּי הָאט יָא זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל גֵיין נָאר מִיט רֵיינֶע אוּן גַאנְצֶע קְלֵיידֶער, וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קכז): **"הַבְּגָדִים בְּעַצְמָן תּוֹבְעִין אֶת הָאָדָם אִם לֹא נִזְהָר בִּשְׁמִירָתָן לְכַבְּדָן כָּרָאוּי וּלְהַחֲזִיקָן בִּנְקִיּוּת"**, דִי קְלֵיידֶער אַלֵיינְס וֶועלְן רוּפְן דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ דִין תּוֹרָה אוֹיבְן אִין הִימְל, טַעֲנָה'דִיג: **"דוּ הָאסְט מִיר צֶערִיסְן"**, **דוּ הָאסְט מִיר אָנְגֶעטוּן שְׁמוּצִיגֶערְהֵייט"**.

נָאר מוֹהֲרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר (סֵפֶר נַהֲרֵי אֲפַרְסְמוֹן) אַז דָאס אִיז וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ק) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בְּרֵאשִׁית לט, יב): **"וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ"**; בְּפַשְׁטוּת דֶערְצֵיילְט דֶער פָּסוּק אַז דִי וַוייבּ פוּן פּוֹטִיפַר הָאט גֶעוָואלְט זִינְדִיגְן מִיט יוֹסֵף, הָאט זִי אִים גֶעגֶעבְּן אַ כַאפּ אָן דוּרְךְ זַיינֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער דֶער רֶבִּי זָאגְט אַן אַנְדֶערֶער פְּשַׁט; **"שֶׁהַבַּעַל דָּבָר וְהַסִּטְרָא אַחֲרָא תּוֹפֶסֶת אֶת הָאָדָם בְּבִגְדוֹ, דְּהַיְנוּ שֶׁמַּטְרִיד אוֹתוֹ בְּטִרְדַת בְּגָדָיו וּמַלְבּוּשָׁיו"**, דֶער יֵצֶר הָרָע פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ מִיט זַיינֶע קְלֵיידֶער, עֶר מַאכְט אִים פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער, **"כִּי טִרְדַת הִצְטָרְכוּת מַלְבּוּשִׁים וּבְגָדִים שֶׁל אָדָם הֵם מְבַלְבְּלִין מְאֹד אֶת הָאָדָם וּמוֹנְעִים אוֹתוֹ עַל יְדֵי זֶה מֵעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ"**, דָאס נֶעמְט אַוֶועק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן לֶערְנֶען, דַאוֶוענֶען אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען וֶוערְט פַארְנוּמֶען מִיט דִי קְלֵיידֶער. **"וְזֶהוּ 'וַתִּתְפְּשֵׂהוּ בְּבִגְדוֹ'"**, דָאס אִיז וָואס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק, דֶער יֵצֶר הָרָע הָאט אִים גֶעוָואלְט כַאפְּן אִין זַיין נֶעץ דוּרְךְ זַיינֶע קְלֵיידֶער, **"אַךְ מִי שֶׁהוּא בַּעַל נֶפֶשׁ וְלִבּוֹ חָזָק בַּה', אֵינוֹ מַשְׁגִּיחַ גַּם עַל זֶה, אַף עַל פִּי שֶׁאֵין לוֹ בֶּגֶד לִלְבֹּשׁ, אַף עַל פִּי כֵן אֵינוֹ מַטְרִיד עַצְמוֹ בָּזֶה וְאֵינוֹ רוֹצֶה לְהַנִּיחַ עַצְמוֹ לְבַלְבֵּל בָּזֶה"**, אָבֶּער וֶוער עֶס ווִיל דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף דִי זַאכְן, אֲפִילוּ עֶר זָאל נִישְׁט הָאבְּן קַיין קְלֵיידֶער - וֶוערְט עֶר נִישְׁט אָפְּגֶעשְׁוַואכְט פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס שְׁטֵייט בַּיי יוֹסֵף הַצַּדִּיק (בְּרֵאשִׁית לט, טו-טז): **"וַיַּנַּח בִּגְדוֹ אֶצְלָהּ וַיָּנָס"**, וְכוּ', עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט דִי קְלֵיידֶער, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף דֶעם, עֶר הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## שֵׁיינֶע שְׁפִּיצְן פַאר דִי שְׁטְרַיימְל

דָאס מֵיינְט דֶער רֶבִּי: **"אוֹיף קְלֵיידֶער הָאבְּן זֵיי גָארְנִישְׁט גֶעקוּקְט, וִוי מֶען גֵייט גֵייט מֶען"** - וַוייל אוֹיבּ דִי גַאנְצֶע קָאפּ לִיגְט אִין וָואס פַאר אַ סָארְט מוּסְטֶער דִי בֶּעקִיטְשֶׁע זָאל הָאבְּן, אוּן אִין דִי שֵׁיינֶע שְׁפִּיצְן פוּן דִי שְׁטְרַיימְל, אוּן **'וִוי אַזוֹי קוּקְט מֶען אוֹיף מִיר'**, **'וִוי אַזוֹי קוּק אִיךְ אוֹיס'**, פַארְגֶעסְט מֶען אִינְגַאנְצְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְגֶעסְט אַז עֶס אִיז דָא אַ תְּהִלִּים, אַ מִשְׁנַיּוֹת, אוּן אַ חוּמָשׁ. מֶען דַארְף טַאקֶע גֵיין אָנְגֶעטוּן זוֹיבֶּער אוּן רֵיין, אוּן זִיכֶער נִישְׁט גֵיין מִיט צֶערִיסֶענֶע קְלֵיידֶער, אָבֶּער נִישְׁט אַרַיינְטוּן דֶעם קָאפּ אִין דִי קְלֵיידֶער.

אוּן אַזוֹי פְלֶעגְט זַיין סֵדֶר צוּ זַיין פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה תָּמִיד. וָואס עֶר פְלֶעגְט אַלְץ אַרַיין צוּ גֵיין אִין יִישּׁוּב אַרַיין. אוּן פְלֶעגְט אִיבֶּער רֵידִין מֶענְשְׁן אַז זֵיי זָאלִין גֵיין מִיט זַיין וֶועג אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט בָּ"ה דִינֶען זֵיי זָאלִין נָאר עוֹסֵק זַיין אִין תְּפִילּוֹת וְכוּ' אוּן וֶוער סֶע הָאט אִים צוּ גִיהֶערְט פְלֶעגְט עֶר אִים צוּ נֶעמֶען אוּן פְלֶעגְט אִים פִירִין אוֹיף זַיין אָרְט חוּץ לְיִישּׁוּב כַּנַ"ל. אוּן זֵיי פְלֶעגִין דָארְט עוֹסֵק זַיין נָאר אִין תְּפִילּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ אוּן ווִידוּיִים אוּן תַּעֲנִיתִים אוּן סִיגוּפִים (דְהַיְינוּ פַּיינִיקִין זִיךְ דֶעם גוּף) אוּן תְּשׁוּבָה אוּן דֶעסְט גְלַייכִין אוּן דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זֵיי גִיבִּין זַיינֶע חִיבּוּרִים (דְהַיְינוּ סְפָרִים) וָואס עֶר הָאט גִיהַאט פוּן תְּפִילּוֹת אוּן שִׁירוֹת וְתוּשְׁבָּחוֹת אוּן ווִידוּיִים. אוּן זֵיי פְלֶעגִין עוֹסֵק זַיין דְרִינֶען תָּמִיד.

## דִי לִיכְטִיגֶע 'לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת'

מֶען הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה צִי עֶר אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פוּן וֶועם דֶער רֶבִּי רֶעדְט, וַוייל דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט דָאךְ אַז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן סְפָרִים פוּן תְּפִילּוֹת אוּן דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז זֵיי זָאלְן מִתְפַּלֵּל זַיין אִין דֶעם, אוּן רֶבִּי נָתָן הָאט דָאךְ אַרוֹיס גֶעגֶעבְּן דִי לִיכְטִיגֶע 'לִיקוּטֵי תְּפִילּוֹת', [רֶבִּי נָתָן הָאט אַמָאל גֶעזָאגְט: **"אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן זֶענֶען שׁוֹין אִין גַן עֵדֶן וֶועגְן מַיין לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת"**; מֵיינֶענְדִיג מִיט דֶעם דִי מֶענְטְשְׁן וָואס פְלֶעגְן זָאגְן לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת אוּן זֶענֶען שׁוֹין אַוֶועק פוּן דִי וֶועלְט. וַוייל אַז מֶען זָאגְט לִקּוּטֵי תְּפִילּוֹת אִיז מֶען זוֹכֶה אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט אַרַיין צוּ גֵיין אִין גַן עֵדֶן],

הָאט רֶבִּי נָתָן גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דֶער רֶבִּי אִיז דֶער בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן אוֹיבּ בִּין אִיךְ פוּנֶעם בַּעַל תְּפִלָּה'ס מֶענְטְשְׁן - בִּין אִיךְ דֶער מֵלִיץ".

בִּיז סֶע פְלֶעגְט זִיךְ שׁוֹין צוּ גִיפִינֶען צְווִישִׁין זַיינֶע מֶענְשְׁן. וָואס עֶר הָאט אַהִין גִיבְּרַאכְט אַזוֹינֶע וָואס זֵיי הָאבִּין שׁוֹין אוֹיךְ גִיקָאנְט בְּרֶענְגֶען מֶענְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

## אִיבֶּער רֶעדְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן

דָאס זֶעט מֶען בַּיים רֶבִּי'ן; נֶעכְטְן אִיז מֶען נָאךְ גֶעוֶוען - וואוּ מֶען אִיז גֶעוֶוען, אוּן אַז מֶען הָאט גֶעטְרָאפְן דֶעם רֶבִּי'ן, אוּן דֶער רֶבִּי רֶעדְט אִיבֶּער מֶען זָאל זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קֶען שׁוֹין הַיינְט דֶער מֶענְטְשׁ אִיבֶּער רֶעדְן אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ אוֹיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פְלֶעגְט עֶר אַמָאל גִיבִּין רְשׁוּת צוּ אֵיינֶעם פוּן זַיינֶע מֶענְשְׁן. אַז עֶר זָאל שׁוֹין אוֹיךְ גֵיין אִין יִישׁוּב אַרַיין אוּן זָאל דֶערְוֶועקִין מֶענְשְׁן צוּם אֵייבִּירְשְׁטְן. אַז זֵיי זָאלִין נָאר גָאט דִינֶען.

אַזוֹי הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה זִיךְ אַלִין גִיפִירְט. אוּן פְלֶעגְט אַלֶע מָאל מְקָרֵב זַיין מֶענְטְשְׁן. אוּן פְלֶעגְט זֵיי אַרוֹיס נֶעמֶען פוּן דֶעם יִישׁוּב כַּנַ"ל. בִּיז סֶע אִיז גִיוָוארִין אֵיין רוֹשֶׁם אוֹיף דֶער וֶועלְט (כְּלוֹמַר מֶען הָאט דִי זַאךְ אָנְגִיזֶעהְן אוֹיף דֶער וֶועלְט) אוּן דִי זַאךְ הָאט אָנְגִיהוֹיבִּין מְפוּרְסָם צוּ וֶוערִין. וָוארִין פְּלוּצִים זֶענֶען פַארְפַלִין גִיוָוארִין מֶענְשְׁן פוּן דֶער מְדִינָה. אוּן מֶען הָאט נִיט גְווּאוּסְט וִוי זֵיי זֶענֶען אַהִין גִיקוּמֶען. בַּיי דֶעם אִיז פַארְפַאלִין גִיוָוארִין אֵיין זוּן בַּיי דֶעם אֵיין אֵיידִים. אוּן מֶען הָאט נִיט גְווּאוּסְט וואוּ זֵיי זֶענֶען. בִּיז מֶען אִיז גִיוָואר גִיוָוארִין. אַז סֶע גִיפִינְט זִיךְ דֶער בַּעַל תְּפִלָּה. וָואס עֶר גֵייט אוּם אוּן רֶעט אָן מֶענְשְׁן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. נָאר חַאפְּן הָאט מֶען אִים נִיט גִיקָאנְט. וָוארִין דֶער בַּעַל תְּפִלָּה פְלֶעגְט זִיךְ פִירִין מִיט גְרוֹיס חָכְמָה.

## זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה

דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס אַלֶע וָואס וִוילְן עוֹסֵק זַיין אִין הֲפָצָה דַארְפְן וִויסְן; אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן דַארְף זִיךְ פִירְן מִיט גְרוֹיס חָכְמָה, וַוייל אַז מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן מִיט אַ מֶענְטְשׁ בְּשָׁעַת עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט דֶערְבֵּיי צוּ הֶערְן דַיינֶע וֶוערְטֶער, קֶען מֶען אִים אַזוֹי נֶערְוֶועז מַאכְן, אוּן אַנְשְׁטָאט אִים מְקָרֵב זַיין, שְׁטִיפְּט מֶען אִים יֶעצְט אַוֶועק, אוּן נָאכְמֶער, קֶען זַיין אַז יֶענֶער הַאלְט שׁוֹין אִינְמִיטְן מְקוּרָב וֶוערְן, אוּן דוּרְכְדֶעם וָואס דוּ מַאכְסְט אִים נֶערְוֶועז וֶועט עֶר נִישְׁט מֶער וֶועלְן מְקוּרָב וֶוערְן.

## נִישְׁט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט

דֶערְפַאר אִיז דִי גְרִינְגְסְטֶע וֶועג אִין הֲפָצָה, אַז מֶען גֶעבְּט יֶענֶעם אַ סֵפֶר, אַ גִלְיוֹן אָדֶער אַ קַארְטְל מִיט דִי נוּמֶער פוּן דִי הַאטְלֵיין, וָואס דַאן אֲפִילוּ אוֹיבּ מֶען טוּט גָארְנִישְׁט אוֹיף, הָאט מֶען אוֹיךְ נִישְׁט קַאלְיֶע גֶעמַאכְט, וִוידֶערְאוּם אוֹיבּ מֶען הֵייבְּט אָן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם, קֶען זַיין אַז מֶען מַאכְט יֶעצְט חָרוּב, אוֹיבּ מֶען טוּט עֶס נִישְׁט אוֹיף דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג.

## קֶענְסְט מִיר מְרַחֵק זַיין

וֶוען אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן, זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן מִיר שִׁיעוּר אַוֶועק גֶענוּמֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ מִיט זֵייעֶרֶע דִיבּוּרִים. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּבִּיסְלֶעךְ מְקוּרָב וֶוערְן, קוֹדֶם בִּין אִיךְ נָאר גֶעקוּמֶען דַאוֶוענֶען אִין הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ, אָבֶּער אִיךְ בִּין נָאכְנִישְׁט גֶעקוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ; אִיז אֵיינֶער צוּגֶעקוּמֶען צוּ מִיר אוּן אָנְגֶעהוֹיבְּן רוֹדְפְ'ן: **"קוּם צוּ אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ"**, **"קוּם צוּ אַ שִׁיעוּר פוּן מוֹהֲרָא"שׁ"**, עֶר אִיז מִיר מַמָּשׁ נָאכְגֶעלָאפְן אִיךְ זָאל קוּמֶען צוּ דִי שִׁיעוּרִים פוּן מוֹהֲרָא"שׁ, אִיךְ הָאבּ אִים גָארְנִישְׁט גֶעעֶנְטְפֶערְט, אִיךְ הָאבּ זִיךְ אַיינְגֶעהַאלְטְן אִים צוּ זָאגְן: 'גֵיי אַוֶועק פוּן מִיר, דוּ בִּיסְט מִיר נִישְׁט מְקָרֵב, דוּ בִּיסְט מִיר מְרַחֵק...' הָאבּ אִיךְ זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַכְטוּנְג צוּ גֶעבְּן נִישְׁט זִיךְ צוּ דְרֵייעֶן נֶעבְּן יֶענֶעם, וואוּסֶענְדִיג אַז יֶעצְט אִיז עֶר נִישְׁט אַ גוּטֶער חָבֵר פַאר מִיר.

## אִיךְ טְרַאכְט צוּרִיק מִיט וואוּנְדֶער

אִיךְ בִּין מְקוּרָב גֶעוָוארְן זוּמֶער צַייט, פַאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, הָאט עֶר מִיר יֶענֶער חַבֵר אָנְגֶעהוֹיבְּן אָנְצוּרֶעדְן אִיךְ זָאל זִיךְ מַאכְן אַ טִיקֶעט צוּ קוּמֶען רֹאשׁ הַשָּׁנָה קַיין אוּמַאן. לוֹיט מַיין שֵׂכֶל פוּן דֶעמָאלְט הָאט אִיךְ גֶעהַאלְטְן אַז 'אִיךְ קֶען נִישְׁט פָארְן קַיין אוּמַאן', וַוייל אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דֶער גַאנְצֶער אָנְפִירֶער בַּיי מַיין זֵיידֶע זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִין קַארְלְסְבּוּרְג; אִיךְ בִּין גֶעוֶוען בַּעַל תְּפִלָּה, אוּן אָנְגֶעפִירְט דִי קְווייעֶר, עֶס אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען קַיין דָבָר גָדוֹל אוּן דָבָר קָטָן וָואס הָאט נִישְׁט גֶעהַאט מִיט מִיר; הַיינְט טְרַאכְט אִיךְ צוּרִיק מִיט וואוּנְדֶער: 'פַארְוָואס הָאבּ אִיךְ דֶעמָאלְט גֶעמֵיינְט אַזוֹי?...' אָבֶּער אַזוֹי אִיז דֶעמָאלְט גֶעוֶוען מַיין שֵׂכֶל, אִיךְ בִּין גֶעוֶוען זִיכֶער אַז 'אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען פָארְן קַיין אוּמַאן', אוּן 'אִיךְ וֶוען נִישְׁט קֶענֶען גֶעבְּן דֶעם נָאמֶען "נַחְמָן נָתָן"', אוּן 'אִיךְ וֶועל נִישְׁט קֶענֶען אָנְטוּן תְּכֵלֶת אוֹיף מַיין צִיצִית'...

## עֶר אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט גֶעוֶוען

יֶענֶער חַבֵר הָאט מִיר נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מוּטְשֶׁען **"מַאךְ אַ טִיקֶעט"**, **"מַאךְ אַ טִיקֶעט"**. יֶענֶער אִיז טַאקֶע גֶערֶעכְט גֶעוֶוען, וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן קוּמֶען קַיין אוּמַאן, אָבֶּער אִיךְ הָאבּ דָאס דֶעמָאלְט נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט הֶערְן, הָאבּ אִיךְ זִיךְ אַרוֹיס גֶעדְרֵייְדְט פוּן אִים, וֶוען עֶר הָאט מִיר גֶעפְרֶעגְט אִיבֶּער אוּמַאן הָאבּ אִיךְ אִים אַלְץ גֶעעֶנְטְפֶערְט **"יָא"**, **"יָא"**, רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאל עֶר זֶען אַז אִיךְ בִּין לְמַעֲשֶׂה נִישְׁט גֶעקוּמֶען... הֶערְשְׁט אִינְמִיטְן ווִינְטֶער הָאבּ אִיךְ בַּאשְׁלָאסְן: 'זָאל זַיין וָואס עֶס זָאל זַיין, דָאס יָאר פָאר אִיךְ קַיין אוּמַאן', הָאבּ אִיךְ חוֹדֶשׁ שְׁבַט גֶעזָאגְט פַאר מַיין וַוייבּ אַז אִיךְ טְרַאכְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן אוֹיף קוּמֶענְדִיגֶע יָאר רֹאשׁ הַשָּׁנָה, בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַז מַיין וַוייבּ הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז פוּן אִיר זַייט אִיז דָאס נִישְׁט קַיין פְּרָאבְּלֶעם, אָבֶּער זִי ווִיל אַז אִיךְ זָאל עֶס דֶערְצֵיילְן פַאר אִירֶע עֶלְטֶערְן, אוּן אַזוֹי הָאבּ אִיךְ גֶעטוּן.

## תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת

רֶבִּי אַבְרָהָם בֶּן רֶבִּי נַחְמָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק אוּן אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, הָאט עֶר גֶעזָאגְט, וֶוען מֶען רֶעדְט מִיט אַ מֶענְטְשׁ, מֶען זָאגְט אִים וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פִירְן, קֶען זַיין אַז מֶען אִיז אִים מִיט דֶעם מְרַחֵק, וַוייל אֶפְשָׁר הַאלְט עֶר נָאכְנִישְׁט בַּיי דֶעם, אוּן מֶען מַאכְט אִים סְתָּם חֲלִישַׁת הַדַּעַת; פוּן אֵיין זַאךְ קֶען מֶען שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן, וָואס וֶועט זִיכֶער נִישְׁט שָׁאטְן, מְחַזֵק זַיין אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, עֶר זָאל אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

## עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בֶּעפָאר 11:00

אַז מֶען אִיז מְחַזֵק אַ מֶענְטְשׁ אוֹיף תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת קֶען נִישְׁט זַיין אַז עֶר זָאל דוּרְךְ דֶעם מְרֻחָק וֶוערְן, אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט אִים וֶוען עֶר זָאל אוֹיפְשְׁטֵיין אִינְדֶערְפְרִי, אֲפִילוּ מֶען דַארְף טַאקֶע אוֹיפְשְׁטֵיין פְרִי, מֶען קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין 8:00, 9:00 אוּן נָאךְ ווִילְן מַצְלִיחַ זַיין אִינֶעם טָאג מִיט פַּרְנָסָה וְכוּ', פוּן דֶעסְט וֶועגְן קֶען מֶען דָאס נִישְׁט זָאגְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ, קֶען זַיין מִיט דֶעם שְׁטִיפְּסְטוּ אִים אַוֶועק, וַוייל לוֹיט זַיין יֶעצְטִיגְן מַצָב, הַאלְט עֶר אַז

עֶר קֶען נִישְׁט אוֹיפְשְׁטֵיין בֶּעפָאר 11:00, אָבֶּער אַז דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים פוּן אֱמוּנָה אוּן תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת וֶועט עֶר דִיר אוֹיסְהֶערְן, אוּן דָאס וֶועט אִים שׁוֹין צוּבְּרֶענְגֶען צוּ אַלֶע אַנְדֶערֶע גוּטֶע זַאכְן.

## דֶער חַבֵר וֶועט נִישְׁט כַאפְּן

דֶערְפַאר אִיז אַלְץ כְּדַאי צוּ דֶערְצֵיילְן פַאר אַנְדֶערֶע מֶענְטְשְׁן מַעֲשִׂיוֹת פוּן תְּפִלָּה, זָאלְן זֵיי אוֹיךְ גֶעוואוּיר וֶוערְן פוּן דִי זִיסֶע עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז. דֶערְצֵייל פַאר דַיין חַבֵר: "**אִיךְ הָאבּ גֶעוַוארְט אוֹיף אַ יְשׁוּעָה, אוּן אִיךְ הָאבּ גֶעזָאגְט פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: 'הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיר', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן מִיט אַ גְרוֹיסֶע יְשׁוּעָה**", עֶס קֶען אָבֶּער זַיין אַז דֶער חַבֵר וֶועט נִישְׁט כַאפְּן אַז דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס עֶר קֶען אוֹיךְ טוּן, עֶר מֵיינְט אַז דוּ הָאסְט מִתְפַּלֵל גֶעוֶוען בַּיי שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן שְׁמַע קוֹלֵנוּ, אוּן עֶר וֶועט דִיר גֶעבְן זַיין נָאמֶען בֶּעטְנְדִיג אַז דֶעם קוּמֶענְדִיגְן מָאל זָאלְסְטוּ אִים אוֹיךְ אִינְזִין הָאבְּן... דֶערִיבֶּער אִיז גוּט אִים צוּ דֶערְצֵיילְן אַלֶע אֵיינְצְלְהֵייטְן פוּן דִי מַעֲשֶׂה, וואוּ דוּ הָאסְט גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִין גַאס אָדֶער בַּיי דִי אַרְבֶּעט וְכַדוֹמֶה.

## אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן

אִינְגֶעלַייט דֶערְצֵיילְן מַעֲשִׂיוֹת וִוי אַזוֹי זֵיי זֶענֶען גֶעזִיצְן אִין אָפִיס אוּן עֶס אִיז אוּנְטֶער גֶעקוּמֶען אַ נִסָיוֹן, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁפִּירְט אַז זֵיי קֶענֶען נִישְׁט מֶער, וֶוערְנְדִיג פַארְבְּרֶענְט פוּן דֶעם נִסָיוֹן, דֶערְצֵיילְן זֵיי: "**אִיךְ הָאבּ זִיךְ צֶעוֵויינְט אוּן גֶעזָאגְט: 'רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם הֶעלְף מִיר, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ וֶוער פַארְבְּרֶענְט אִין מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת', אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר גֶעהָאלְפְן**", וֶוען אַ צְוֵוייטֶער מֶענְטְשׁ הֶערְט דָאס, קֶען דָאס אַרַיין גֵיין אִין אִים אַז עֶר זָאל דָאס אוֹיךְ אָנְהֵייבְּן טוּן, וַוייל דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס יֶעדֶער קֶען טוּן, דָאס מַאכְט קֵיינֶעם נִישְׁט נֶערְוֶועז.

## זָאגְן מוּסָר אוּמְדִירֶעקְט

אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט פַאר אַ מֶענְטְשׁ מוּסָר, "**טוּ אַזוֹי**" אוּן "**טוּ אַזוֹי**", קֶען דָאס אִים נֶערְוֶועז מַאכְן אוּן עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט אוֹיפְטוּן. מוּסָר קֶען מֶען נָאר זָאגְן אוּמְדִירֶעקְט; מֶען רֶעדְט דֶערְפוּן בָּרַבִּים אִין חֵדֶר אָדֶער בַּיי אַ שִׁיעוּר, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ כַאפְּט זִיךְ וָואס עֶר דַארְף טוּישְׁן זַיין הִתְנַהֲגוּת, אָבֶּער אַז מֶען זָאגְט מוּסָר דִירֶעקְט צוּם מֶענְטְשׁ קֶען עֶס צוּמָאל בְּרֶענְגֶען פַארְקֶערְטֶע רֶעזוּלְטַאטְן.

אוּן פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיטְלִיכְן פַארְשְׁטֶעלִין אַנְדֶערְשׁ.

## וואס איז די ריכטיגע וועג?

דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט צוּ יֶעדְן גֶערֶעדְט אַנְדֶערְשׁ, פַאר אֵיינֶעם הָאט עֶר גֶעזָאגְט עֶר זָאל זִיךְ אָנְטוּן אַ שְׁטְרַיימְל, אַ בֶּעקִיטְשֶׁע, וַוייסֶע זָאקְן, פַאר אַנְדֶערֶע הָאט עֶר גֶעזָאגְט, אַז מֶען קֶען זַיין אַ אִיד אֲפִילוּ מֶען גֵייט נִישְׁט מִיט אַ שְׁטְרַיימְל... שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ קַשְׁיָא, וָואס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף גֵיין? דֶער תֵּירוּץ אִיז אַז יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל גֵיין אָנְגֶעטוּן לוֹיט זַיין וֶועג, אָבֶּער אֵיין זַאךְ דַארְפְן אַלֶע טוּן, 'רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן', דָאס אִיז דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג. דוּ רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דַיין וַוייסֶע זָאקְן, אוּן דוּ רֶעד צוּ אֵייבֶּערְשְׁטְן אָן וַוייסֶע זָאקְן.

## לֶעבְן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְן?

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען זֵייעֶר אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע שְׁאֵלָה, אַ אִינְגֶערְמַאן שְׁרַייבְּט מִיר, זַיין קִינְד דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ יֶעצְט צוּ דִי עֶלְטֶער וָואס זִי דַארְף שׁוֹין אָנְהוֹיבְּן גֵיין אִין סְקוּל, אוּן עֶר וואוֹינְט אִין אַ שְׁטָאט וָואס אִיז נָאר דָא צְוֵויי מוֹסְדוֹת, אֵיינְס אִיז אַ בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וואוּ גוּטֶע מִשְׁפָּחוֹת שִׁיקְן אַהִין, אוּן אֵיינְס אִיז אַ שְׁוַואכֶערֶע מוֹסָד. זַיין שְׁאֵלָה אִיז, אוֹיבּ עֶר זָאל זִיךְ אִיבֶּער שְׁטְרֶענְגֶען מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען זַיין קִינְד אִין דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, וָואס דָאס מֵיינְט אַז זֵיי וֶועלְן פַארְלַאנְגֶען עֶר זָאל טוּישְׁן דְרַיי זַאכְן אִין זַיין לֶעבְן, 1. הָאבְּן נָאר אַ כָּשֵׁר'ֶע טֶעלֶעפָאן, 2. עֶר וֶועט דַארְפְן גֵיין מִיט אַ הוּט אוּן רֶעקְל אִין גַאס, 3. זַיין וַוייבּ וֶועט דַארְפְן הָאבְּן אַ קוּרְצֶערֶע שֵׁייטְל, עֶר פִּירְט אוֹיס זַיין שְׁאֵלָה: "אִיז דָאס דִי רִיכְטִיגֶע וֶועג אִין לֶעבְן, צוּ לֶעבְן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְן נָאר אַז מֶען זָאל אָנְנֶעמֶען מַיינֶע קִינְדֶער אִין מוֹסְדוֹת?"

## גֶעבְן דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ

דֶער עֶנְטְפֶער אִיז פָּשׁוּט, אִיךְ וַוייס נִישְׁט דִי נֶעמֶען פוּן דִי צְוֵויי מוֹסְדוֹת, אָבֶּער אַוַדאי זָאל עֶר גֵיין צוּ דִי בֶּעסֶערֶע מוֹסָד, אוּן זִיךְ אוּנְטֶערְנֶעמֶען אַלֶעס וָואס זֵיי פַארְלַאנְגֶען, עֶס אִיז נִיטְאַמָאל קַיין שְׁאֵלָה; עֶלְטֶערְן דַארְפְן גֶעבְן פַאר זֵייעֶרֶע קִינְדֶער דָאס בֶּעסְטֶע חִינוּךְ וָואס אִיז נָאר פַארְהַאן, זֵיי גֶעבְן דָאס שֶׁענְסְטֶע לֶעבְן. אוּן דָאס וָואס עֶר פְרֶעגְט אַז עֶר וֶועט דַארְפְן לֶעבְן אַ פַאלְשֶׁע לֶעבְן, פַארְשְׁטֵיי אִיךְ נִישְׁט, פַארְוָואס אִיז דָאס פַאלְשׁ? אֵיינֶער וִויל גֶעפֶעלְן דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, אַ צְוֵוייטֶער וִויל גֶעפֶעלְן אַנְדֶערֶע סָארְט מֶענְטְשְׁן - גֵייט עֶר אַזוֹי, יֶעדֶער גֵייט לוֹיט וֶועלְכֶע קְרֵייז עֶר בַּאלַאנְגְט.

## דָאס אִיז נִישְׁט פַאלְשׁ?

וֶוען עֶר גֵייט אָן אַ הוּט אוּן רֶעקְל אִין גַאס - אִיז דָאס נִישְׁט פַאלְשׁ? וֶוען אַ פְרוֹי גֵייט מִיט אַ לַאנְגֶע שֵׁייטְל - אִיז דָאס נִישְׁט פַאלְשׁ? זֶעסְט דָאךְ אִינְדֶערְהֵיים גֵייט מֶען בִּכְלַל נִישְׁט מִיט דִי שֵׁייטְל, אִינְדֶערְהֵיים גֵייט מֶען נַאטוּרְלִיךְ מִיט שְׁטִיקְל סְחוֹרָה אוֹיפְ'ן קָאפּ; אוּן דִי וָואס גֵייעֶן שַׁבָּת מִיט דִי לַאנְגֶע גֶעבִּיגֶעלְטֶע הוֹיזְן מִיט דִי קְנֵייטְשְׁן - אִיז דָאס נִישְׁט פַאלְשׁ? אַלֶעס אִיז נָאר זִיךְ צוּ גֶעפֶעלְן פַאר אַנְדֶערֶע. דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ דִי וָואס גֵייעֶן מִיט שְׁטְרַיימְל אוּן וַוייסֶע זָאקְן, אָדֶער מִיט סְטְרָאקֶעס, מֵיינְט אוֹיךְ נָאכְנִישְׁט אַז דָאס אִיז נִישְׁט פַאלְשׁ, קֶען זַיין זֵיי גֵייעֶן דֶערְמִיט נָאר וַוייל אַזוֹי פִּירְט מֶען זִיךְ בַּיי זֵיי אִין דִי מִשְׁפָּחָה.

נִישְׁט דָאס אִיז עֶכְט אוּן פַאלְשׁ, אַן עֶכְטֶע לֶעבְן אִיז נָאר דֶער וָואס לֶעבְּט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן; דֶער אִיד וָואס גֵייט דַאוֶונֶען שַׁחְרִית, מִנְחָה, מַעֲרִיב - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְן, דֶער אִיד וָואס הִיט תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת, עֶר הִיט שַׁבָּת - דֶער לֶעבְּט אַן עֶכְטֶע לֶעבְן. דֶער אִיד וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן - דֶער לֶעבְן אַן עֶכְטֶע לֶעבְן, וִוי אַזוֹי מֶען גֵייט אָנְגֶעטוּן, אַזוֹי אָדֶער אַזוֹי - דָאס אִיז נִישְׁט לֶעבְן; דָאס מֵיינְט נִישְׁט עֶכְט לֶעבְן, נָאר דֶער וָואס טְרַאכְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר טוּט זִיךְ אָן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן - דֶער לֶעבְּט עֶכְט. אוּן אוֹיךְ דֶער וָואס טוּט אַנְדֶערְשׁ וִוי זַיין וִוילְן כְּדֵי זַיינֶע קִינְדֶער זָאלְן בַּאקוּמֶען אַ גוּטֶע חִינוּךְ - דָאס אִיז עֶכְט, דִי עֶכְטֶע לֶעבְן אִיז טוּן דָאס בֶּעסְטֶע פַאר דִי קִינְדֶער.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אַז מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, אוּן אָנְהֵייבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין צוּ שֵׁיינֶע זַאכְן, אָמֵן.